# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

# די ליידענישן פון חנוכה

## פרשת מקץ - חנוכה

## חלק א. ליידן פון די גרויסע

### אן איבערזיכט אויף די מעשה פון חנוכה

ווען מיר לערנען אדורך די מעשה פון חנוכה, איז וויכטיג ערשט צו פטור ווערן פון א מיספארשטענדענישן אין אונזער מח. מענטשן האבן דעם איינדרוק אז דער נס חנוכה באצייכנט א פייערונג פון א זיגרייכער נצחון; אונזערע פיינט זענען אפגעווישט געווארן און די אידן אין ארץ ישראל האבן שוין ענדליך געקענט לעבן אין פרידן. דאס איז וואס פיל מענטשן טראכטן.

אבער דאס איז א טעות - דער אמת איז אז נאך וואס דער נס האט פאסירט זענען געווען אפילו מער צרות און איבער א לענגערע תקופה ווי פריער. איר ווייסט, די שלאכטן פון די חשמונאים קעגן זייערע פיינט האט אנגעהאלטן דרייסיג יאר און וואס עס האט פאסירט חנוכה איז געווען אין אנהייב פון די תקופה; בערך פינף יאר, אדער פיר יאר, נאך די מלחמה האט זיך אנגעהויבן; וואס מיינט אז פאר פינף און צוואנציג יאר אדער מער האבן זיי ווייטער מלחמה געהאלטן.

און דורכאויס די אלע יארן זענען מענטשן ווייטער גע'רודפ'ט געווארן דורך די סירישע מיליטער און די העלעניסטישע אידן, די מתיוונים. פיל פיל אידן זענען געפייניגט געווארן און פיל האבן פארלוירן זייערע לעבנס דורכאויס די פינף און צוואנציג יאר נאך וואס עס האט פאסירט דער נס שמן. און אונזערע העלדן, די חשמונאים, זענען אויך געפאלן אין שלאכט; אלע ברידער זענען מיט די צייט אויסגע'הרג'ט געווארן, איינער נאך דעם אנדערן.

איך זאג אייך דאס ווייל ס'איז וויכטיג אויף צו פארשטיין דעם גאנצן ענין פון חנוכה. מיר דארפן האלטן אין קאפ אז דער נס פון די שמן, די קליין ביסל אויל וואס האט אנגעהאלטן פאר אכט טעג, איז נישט געקומען אינמיטן פון דעם נצחון. ס'איז געקומען אינמיטן פון די גרויסע ליידן. און אזוי, דארפן מיר איבערארבעטן אין קאפ דער מוסר השכל פון דעם נס שמן אין ראם פון די פאסירונגען ווי אזוי זיי האבן זיך אפגעשפילט.

### א מרידה אין מודיעין

יעדער קען די מעשה ווי אזוי די מרידה קעגן די סירישע-גריכן האט זיך אנגעהויבן; עס ווערט דערציילט אינעם ספר פון די מכבי"ם, דער ספר חשמונאים, ווי אזוי א סירישער אפיציר האט באפוילן די אידן פון מודיעין צו קומען און מקריב זיין א קרבן אויפ'ן מזבח פון די עבודה זרה. און ווען איין איד, א חונף, איז ארויסגעטראטן צו מקריב זיין דעם קרבן, האט מתתיהו ארויסגעשלעפט א שווערד פון אונטער זיין מאנטל - ער האט זיך עס אנגעגרייט אויף דעם מאמענט - און ער האט עס אריינגעשטאכן אין הארץ פון דעם פאררעטערישן איד און דערנאך, צו ענדיגן די זאך, איז ער פטור געווארן אויך פונעם אפיציר. דאס איז ווי אזוי עס האט זיך אנגעהויבן.

אין פאקט, איז דאס געווען בלויז דער אנהייב. די אידן האבן יעצט געדארפט אנטלויפן צו די בערג; זיי האבן געדארפט פארלאזן זייערע היימען און זיך אויסבאהאלטן אין מערות אין די וועלדער. און טייל האבן אים אפילו באשולדיגט אויף דעם. געוויסע פון זיינע אייגענע מענטשן זענען געווען ערשטוינט אויף וואס ער האט געטון; זיי האבן געשריגן צו אים, "דו ביסט משוגע? צו ברענגען אזעלכע צרות אויף אונז?! **גְּזֵרָה עֲבִידָא דְּבָטְלָא** - א גזירה וועט צום סוף בטל ווערן (כתובות ג:); פריער אדער שפעטער וועלן די גזירות אריבערגיין אבער יעצט האסטו אראפגעברענגט דעם כעס פון אנטיוכוס איבער אונזערע קעפ. מיר דארפן פארלאזן אונזערע היימען יעצט און לעבן ווי נאכגעיאגטע חיות אין וואלד! און ווער ווייסט וויפיל פון אונז וועלן עס בכלל איבערלעבן צוליב דעם וואס דו האסט געטון!"

### זיך אריינלאזן אין א סכנה

אצינד, מיר טארן נישט הערן די רייד און טראכטן אז מתתיהו האט זיך געפירט לייכטזיניג. ס'איז קלאר אז מתתיהו איז געווען א בן תורה, עס שטייט דאך **וְזֵדִים בְּיַד עוֹסְקֵי תוֹרָתֶךָ**. איר קענט זיכער זיין אז מתתיהו איז נישט געווען סתם א היציגער קאפ וואס האט זיך געזוכט אביסל רודערייען. ער איז געווען א תלמיד חכם וואס האט זיך געפירט מיט מחשבה, מיט חשבון; ער האט געזען אז דאס אידישע פאלק אין ארץ ישראל שטייט ביי א פונקט פון אונטערברעכן; די מענטשן זענען צוזאמגעפאלן אונטער'ן דרוק פון די מתיוונים און נאך אביסל וועלן אלע פארלוירן גיין. און דערפאר האבן מתתיהו און זיינע פריינט, די תלמידי חכמים, געמאכט א חשבון פון פאראויס אז דאס מוז געטון ווערן - זיי האבן געדארפט מאכן אן אפשטעל צו דעם ראד וואס שלעפט אויף אראפ.

און זיי האבן געוואוסט וואס עס וועט זיין; זיי האבן פארשטאנען וואס עס מיינט אונטערצוצינדן דעם כעס פון א קעניג מיט אן ארמיי. דאס מיינט צרות, אסאך צרות. מתתיהו און זיינע חברים האבן געהאט זייער א קלארן בליק אויף פאראויס וואס עס וועט צוברענגען דאס זיך אננעמען פאר'ן כבוד פון באשעפער, און זיי האבן גערן מקבל געווען די אלע שווערע תוצאות. זיי זענען געווען גרייט אויף אלעס. און עס איז געקומען - אלעס איז געקומען.

און מיינט נישט אז זיי האבן אנגענומען די צרות בלויז פאר אנדערע מענטשן. מתתיהו און זיינע זין זענען אלעמאל געשטאנען ביים פראנט ביי די שלאכטן. זיי זענען נישט געשטאנען פון הינטן ארויסגעבנדיג באפעלן; מתתיהו'ס לעבן איז דורכאויס די גאנצע צייט געווען אין א סכנה ביז ער איז טאקע אומגעקומען. און זיינע זין האבן ווייטער, דורכאויס זייער גאנץ לעבן, זיך געשלאגן צווישן די בערג; זיי זענען גע'הרג'ט געווארן איינער נאך דעם אנדערן, מלחמה האלטנדיג פאר'ן באשעפער.

### פרידן אין בבל

אצינד דארפן מיר פארשטיין א וויכטיגע נקודה; זיי האבן נישט געדארפט שטארבן. די מעשה פון חנוכה האט זיך אפגעשפילט אין ארץ ישראל אבער מיר דארפן וויסן אז נישט אלע אידן האבן זיך געפונען אין ארץ ישראל אין יענע תקופה. עס איז געווען זייער א גרויסער ישוב פון אידן אין בבל - עס קען זייער מעגליך זיין אז עס זענען אפילו געווען מער אידן אין בבל ווי אין ארץ ישראל. די אידן האבן געהאט צוריקגעקומען פון גלות בבל און זיך באזעצט אין ארץ ישראל, אבער מערסטנס אידן זענען נישט געקומען; די מערהייט פון די אידן זענען פארבליבן אין בבל.

און אין בבל זענען נישט געווען קיין רדיפות, עס זענען נישט געווען קיין העלעניסטן וואס האבן רואינירט די מענטשן. די גמרא (פסחים נו.) זאגט, **בִּנְהַרְדְּעָא דְּלֵיכָּא מִינִין** - אין נהרדעא, דאס איז דער הויפט שטאט וואו די אידן האבן געלעבט אין בבל, זענען נישט געווען קיין מינים. עס זענען נישט געווען דארט קיין קריסטן, זיי האבן נישט געהאט קיין צדוקים, זיי האבן קיינעם נישט געהאט; בלויז אידן. אזוי איז עס געווען אין בבל.

ארץ ישראל, פון צווייטן זייט, איז געווען א לאנד וואס איז געבענטשט געווארן מיט אלע צרות. ס'איז אזוי ווי היינט; די ערגסטע אפיקורסים אין די וועלט געפינען זיך היינט אין ארץ ישראל. דאס דארפט איר וויסן; עס איז נישטא אין די וועלט עפעס וואס איז אזוי פאר'סמ'ט ווי די איזרעאלישער העברעאישער פרעסע קעגן די רעליגיעזע אידן. אזוי איז ווי אזוי עס איז

אלעמאל געווען, ווייל די לאנד פון קדושה ברענגט אלעמאל די גרעסטע נסיונות; די גרעסטע ראנגלענישן זענען דא דארט. אבער בבל, דאגעגן, איז געווען א לאנד וואו מ'האט געקענט לעבן און קיינער האט נישט געשטערט. מען האט געקענט היטן אידישקייט און קיינער האט נישט געשטערט.

## מקבל זיין שוועריקייטן

איז אלזא די שאלה, אויב מתתיהו האט געוואלט האבן א לעבן פון שלימות, א לעבן פון תורה און מצוות אן צו ווערן געשטערט, וואלט ער געקענט אנטלויפן. פיל אידן זענען אנטלאפן. יעדע מאל וואס עס זענען געווען צרות זענען אסאך אידן אנטלאפן קיין בבל. אזוי האט אויך מתתיהו געקענט אנטלויפן מיט אלע זיינע קינדער קיין בבל און ער וואלט געקענט לעבן א שטילע און פרייליכע לעבן. ער האט געדארפט די צרות פון זיך שלאגן קעגן די יוונים ווי א לאך אין קאפ.

אבער מתתיהו איז געווען א מנהיג און ער האט נישט געוואלט מוותר זיין אויף די איבעריגע מענטשן. עס זענען געווען פיל מענטשן וואס וואלטן יא פארבליבן דארט און זיי וואלטן געווען אויסגעשטעלט צו דער דרוק און השפעה פון די רשעים; וואס וועט פאסירן צו כלל ישראל אין ארץ ישראל אויב מתתיהו וועט זיי איבערלאזן אונטער די מאכט פון די אסימילירטע אידן וואס טוען אריינדרינגען און חרוב מאכן די קדושה פון די מענטשן!

און דערפאר האט מתתיהו אויסגעוועלט יסורים; ער האט דאס גלייך געוואוסט, זיין א קנעכט פון באשעפער מיינט ליידן פאר זיין כבוד וועגן און דערפאר האט ער אויסגעוועלט צו פארבלייבן אין ארץ ישראל צוזאמען מיט אנדערע עובדי ה'. און דאס פארבלייבן איז נישט געווען א פארבלייבן וואו זיי האבן פארדינט מאכט און כבוד און זיי האבן זיך באזעצט צו א לעבן פון פרידן. ניין. קיינער פון זיי האט שוין נישט געלעבט אין די צייט ווען מען האט דערגרייכט א נצחון. אודאי זענען זיי געווען אין גן עדן, אבער אויף די וועלט האבן זיי נישט געהאט קיין שום הנאה פון די מלחמות, פון די יסורים וואס זיי האבן אויסגעוועלט צו ליידן.

און דערפאר איז דאס געווען א פאל וואו זיי האבן מקבל געווען די יסורים ברצון. גרויסע מענטשן זענען פעאיג דערצו.

## דעם תנא'ס אינטערעסאנטע פריינט

די גמרא אין בבא מציעא (פד.) דערציילט איבער א געוויסער צדיק, רבי אלעזר בן רבי שמעון. ער איז געווען אן אייגנארטיגער כאראקטער וואס האט געשטרעבט צו דערגרייכן שלימות אבער ער האט חושש געווען אז ער האט געוויסע פעלערס. ס'איז דא א גאנצע מעשה דארט - ס'איז ווערד צו דורכלערנען. ער איז באשולדיגט געווארן דורך טייל חכמים פאר א געוויסע פירונג, א געוויסער גאנג ווי אזוי ער האט זיך געפירט, און דערפאר, כדי זיך אליין איבערצוצייגן אז ער איז לויטער און פריי פון פלעקן זאגט די גמרא אז ער האט אונטערגענומען עטליכע אקציעס.

די ערשטע זאך וואס ער האט געטון, דאס וועט איר דארפן אריינקוקן אין גמרא צו זען. אבער טראץ דעם ערשטן פארהער, האט רבי אלעזר בן רבי שמעון זיך נישט פארלאזט אויף זיין אפשאצונג און ער האט גענומען אויף זיך יסורים זיך צו לייטערן מער. פונקט ווי מתתיהו, איז ער געווען א גרויסער מענטש און ער האט אויף זיך מקבל געווען ברצון א לעבן פון יסורים.

די גמרא זאגט אז יעדע נאכט ווען ער האט זיך געלייגט שלאפן האט ער געזאגט, **בּוֹאוּ אַחַי וְרֵעַי בּוֹאוּ** - "קומט מיינע ברידער, מיינע פריינט." ער האט איינגעלאדענט די יסורים צו קומען. און אינדערפרי האט ער זיי געהייסן אוועקגיין. למעשה, די קליינע פירונג איז א טייל פון א לאנגע ערקלערונג וואס איז ווערד דורכצולערנען, אבער פאר אונזער צוועק איז גענוג די קליין שטיקל.

רבי אלעזר בן רבי שמעון האט געהאט פליכטן צו טון אויף די וועלט; ער האט נישט געקענט אוועקגעבן זיינע טעג מיט ליידן. און דערפאר האט ער אויסגעוועלט צו ליידן ביינאכט. ביינאכט זענען די תלמידים אהיימגעגאנגען, די ישיבה איז געווען פארמאכט. איך בין זיכער אז עס זענען געווען מענטשן וואס האבן אויך געלערנט א גאנצע נאכט אבער יעצט זענען זיי נישט געווען מיט אים, איז ביינאכט האט ער איינגעלאדענט די יסורים; ער האט געליטן, און דערנאך, אינדערפרי, האט ער זיי געהייסן אוועקגיין.

## פארטריבן די יסורים

למעשה, איך וואלט עס אפגעלערנט אזוי: רבי אלעזר בן רבי שמעון האט געליטן א גאנצע צייט אבער ער האט געהאט אזא שטארקער כח הרצון און גאר שטארקער מח, אזוי אז אינדערפרי האט ער באשלאסן צו איגנארירן זיינע ליידן און זיך אוועקגעבן צו זיין תפקיד אין לעבן וואס דאס איז צו קונה זיין שלימות אין עבודת ה'; און ווייל זיינע ליידן וואלטן געווען א שטערונג דערצו, האט ער זיך טרענירט צו איגנארירן זיינע ווייטאגן. אינדערפרי האט ער זיך ארויסגע'גנב'ט צו זיין טעגליכע עבודה און ער האט געזאגט צו זיינע יסורים, "פארשווינדט! שטערט מיר נישט אין מיין עבודה!"

דאס איז ווי אזוי פיל מענטשן זענען; זיי האבן ווייטאגן אבער בשעת זיי ארבעטן זענען זיי נישט איבערגעוועלטיגט פון זייערע יסורים צוליב זייער פארנומענקייט וואס מאכט זיי פארגעסן אין א געוויסע מאס פון זייערע ליידן.

ביינאכט, אבער, האט ער עס מקבל געווען ברצון און זיין מח איז געווען אריינגעצויגן דערין, ווי איינער וואס געניסט פון א געשמאקער מאכל. ער האט זיך קאנצענטרירט אין זיינע יסורים און ער האט פראבירט ארויסצונעמען וואס מער פארגעניגן, וואס מער נוצן, וואס ער האט געקענט פון די יסורים. ער איז געלעגן אליין אין זיין בעט און זיינע וואונדן האבן אים געקראצט און ער האט געטראכט איבער דעם; ער האט עס נישט געוואלט איגנארירן, ער האט געוואלט קונה זיין די מערסטע שלימות פון זיין מצב.

## זיך דערקוויקן מיט יסורים

עס זענען דא פארשידענע אופנים פון שלימות וואס א מענטש קען קונה זיין פון יסורים. עס איז דא שלימות אין די געוואלדיגע דערגרייכונג פון עניוות, זיך צו מכניע זיין פאר'ן באשעפער. מען קען נישט זיין קיין בעל גאווה ווען מ'ליידט; אפילו א מיליאנער, ווען ער איז אין יסורים איז ער א הכנעה'דיגער מענטש. ס'איז אויך דא שלימות אין אומצווייפלהאפטיגע געטריישאפט צום באשעפער. ס'איז דא שלימות אין מיטגעפיל, טראכטן פון די צער און ווייטאגן פון אנדערע און שלימות אין שעצן די מתנה פון געזונט. ס'איז אויך דא א כפרה אויף די עבירות. ס'איז דא נאך דערצו, און איך בין זיכער אז רבי אלעזר האט קונה געווען אלע פון זיי אבער אונזער נקודה דא איז, אז ער האט זיי מקבל געווען. ער האט מיט גוטווילונגקייט אנגענומען אויף זיך די יסורים וואס זענען געשיקט געווארן אויף אים. דאס איז וואס די גמרא דערציילט אונז.

למעשה, אודאי דארף יעדער פון אונז גיין צום דאקטער ווען מ'איז נישט געזונט. ווי די תורה זאגט (שמות כא:יט) **וְרַפֹּא יְרַפֵּא** - דער דאקטער האט רשות צו היילן. דיין קערפער איז נישט דיינס צו טון דערמיט וואס דו ווילסט בלויז דערפאר וואס דיין נשמה וויל צוקומען צו שלימות. דער ארעמער קערפער קען האבן טענות, "פארוואס זאל איך דארפן ליידן צוליב דיין נשמה?" און דערפאר, **וְרַפֹּא יְרַפֵּא** - דו דארפסט גיין צום דאקטער. **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ** - דו דארפסט ליב האבן א צווייטן איד, און דיין קערפער איז אויך א איד. און דערפאר דארפסטו זען דערצו אז דיין קערפער זאל אלעמאל זיין פרייליך און גוט באהאנדלט.

די גמרא (בבא קמא צא.) זאגט: **אָסוּר לְאָדָם לַחְבֹּל בְּעַצְמוֹ** - ס'איז אסור פאר א מענטש זיך אליין צו פארוואונדן. און איך בין זיכער אז רבי אלעזר בן רבי שמעון האט זיך אויך נישט אליין פארוואונדעט; ס'איז אסור. ער וואלט נישט גענומען א מעסער און זיך צעשניטן כדי צו האבן יסורים; דאס וואלט קיינער נישט געטון, נישט קיין אידן. נאר, ער האט אנגענומען די יסורים. ער איז נישט אנטלאפן פון זיי. דאס איז אן אנדערע מעשה. זיך צו דערקוויקן מיט יסורים, זיך

באסמאקעווען צוליב די פארדינסטן וואס זיי ברענגען, דאס איז וואס ער האט געטון.

מיר אלע וואלטן אבער נישט געקענט זיך באסמאקעווען דערמיט ווי רבי אלעזר און מתתיהו האבן געטון. און דאך, אויך מיר קענען קונה זיין א געוואלד מיט'ן דורכלערנען די נושא פון ווי אזוי גרויסע לייט זענען גרייט געווען צו מקבל זיין אויף זיך יסורים. און דערפאר וועלן מיר פראבירן דאס יעצט אדורכצולערנען אינאיינעם.

# חלק ב. מקבל זיין ליידן

## דאס לעבן ענטהאלט שוועריקייטן

ווי אזוי קען א מענטש דערגרייכן צו אזא זאך? וואס איז דער סוד אין זיין א רבי אלעזר בן רבי שמעון און א מתתיהו, אן 'איינער' וואס איז גרייט צו מקבל זיין א לעבן פון יסורים; און זיך צו דערקוויקן דערמיט - נישט מורא צו האבן און אונטערברעכן?

דאס איז א וויכטיג נושא, ווייל ווער גייט נישט אמאל אריבער שווערע צייטן? יעדער איז אויסגעשטעלט צו תקופות פון שוועריקייטן וואס קומען ווייל ער וויל דינען דעם באשעפער. דאס מיינט נישט אז מען דארף עס זוכן, אבער זיי וועלן קומען - אין א געוויסע מאס וועלן זיי קומען.

א פרוי וואס וויל האבן א גרויסע משפחה ווייסט אז עס גייט נישט זיין גרינג - אבער זי טוט עס סייווי. זי איז מקבל ברצון די שוועריקייטן. א פרוי וואס האט חתונה מיט א תלמיד חכם, איינער וואס לערנט אין כולל, קען דארפן אננעמען אויף זיך א לעבן פון מינימאלע פרנסה. און אפילו ווען איר מאן איז אן ארבעטער, ער שטייט אויף ווען ס'איז נאך טונקל אינדרויסן און גייט לערנען אין בית המדרש פאר'ן דאווענען, ער קען אפשר בלייבן שפעט אין בית המדרש צו דורכלערנען ש"ס, ער איז נישט אלעמאל פריי צו העלפן. ס'איז איר נישט גרינג. און ער אויך - ער וואלט הנאה געהאט צו זיצן אויפ'ן פאטעל פארנאכטס מיט זיינע פיס ארויף. אבער ער טוט עס נישט; ער איז אין בית המדרש ווייל ער האט מקבל געווען א לעבן וואס ענטהאלט מוטשענישן פאר עבודת ה'.

איז אפילו אויב דו ביסט נישט פון די גאר גרויסע לייט, קומען זיי צו דיר, די שוועריקייטן פון לעבן א תורה'דיגע לעבן. דאס מיינט נישט אז דו וועסט אמאל שחט'ן א יווני און זיך דארפן אויסבאהאלטן אין די בערג אבער דו וועסט סייווי ליידן. עס זענען דא תקופות אין אונזער לעבן - צומאל יארן אויף יארן - ווען מיר ווערן אויסגעשטעלט צו שווערע דורכגענג פאר עבודת ה'. און דער וואס וויל זיין אן ערפאלגרייכער עובד ה' וויל זיין אנגעגרייט פאר אזעלכע מעגליכקייטן; ער וויל וויסן דעם סוד וואס מתתיהו און רבי אלעזר האבן געוואוסט.

## ס'איז אלעס א הכנה

דער מסילת ישרים געבט א יסודות'דיגע הדרכה. ער זאגט, "מיר זענען דא אויף די וועלט בלויז פאר איין צוועק און דאס איז זיך אנצוגרייטן צו עולם הבא. איר זאלט דאס קיינמאל נישט פארגעסן!" איך לייג צו די דאזיגע ווערטער, "איר זאלט דאס קיינמאל נישט פארגעסן," אבער ער זאגט אונז אז דאס דארף זיין אונזער שטענדיגער ציל אין אונזער לעבן. **וְלָזֶה יָשִׂים מַבָּטוֹ וּמַגַּמָּתוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו** - "צו די זאך, צו געדענקען אז מיר גרייטן זיך צו די קומענדיגע וועלט, זאלסטו לייגן דיין בליק אלע טעג פון דיין לעבן." סיי וואס דו טוסט, זאגט ער, **בְּכָל אֲשֶׁר הוּא עָמֵל** - "אין אלעם וואס דו פלאגסט זיך, ביי סיי וואס דו מוטשעסט זיך, האלט אין קאפ אז דיין צוועק איז די קומענדיגע וועלט."

דאס אליין איז א דונערדיגער זאץ. ווען דו גייסט אין שול צו דאווענען, ווען דו ביסט אין אפיס צו מאכן געלט אדער חלילה פארקערט, אדער ווען דו גייסט צו די ארבעט אדער דו זעצסט זיך אראפ צו טון די היימארבעט מיט די קליינע קינדער, האלט אין קאפ אז דיין צוועק איז די קומענדיגע וועלט. ווען דו זעצסט זיך אראפ עסן פרישטאג, ווען דו גייסט אונטער'ן חופה צו חתונה האבן, גרייטסטו זיך צום עולם הבא.

און נישט נאר וואס דו טוסט איז א הכנה, אויך וואס ווערט געטון צו דיר איז א הכנה. ווען עס רעגנט און ווען עס שנייט, ווערסטו אנגעגרייט צום עולם הבא. ווי אזוי ארבעט דאס? עס נעמט צייט צו ערקלערן. ווען עס איז חס ושלום דא א מלחמה; האסט דאס נישט געבעטן, אבער די מלחמה גרייט דיר אן צום עולם הבא. און פרידן גרייט דיר אויך אן. ווען עס קומט די צייט פאר א מענטש און ער ווייסט אז זיינע מינוטן זענען געציילטע, ווען ער ליגט אויפ'ן אפעריירונגס טיש - אלע מיטמאכענישן, אלע טוישונגען וואס ער גייט אריבער אין לעבן זאל ער אלעמאל האלטן אין געדאנק אז אלעס איז א הכנה פאר די קומענדיגע וועלט.

איז דען נישט ווערד צו הערן דעם שיעור בלויז אויף דעם? "די וועלט איז א דורכגאנג"; מיר טארן דאס קיינמאל נישט פארגעסן. ס'איז גוט צו לעבן מיט די השקפה.

## מיר טוען בלויז אריבערגיין

איך האב אייך שוין דערציילט מערערע מאל די מעשה פון דעם חפץ חיים. א באזוכער איז אמאל געקומען, א רייכער מאן, צו זען דעם גרויסן חפץ חיים און ער איז אריינגעקומען צום חפץ חיים אין שטוב. ער האט אים געזען זיצן ביי א טיש צוזאמגעקלאפט פון ברעטער, ווי א פראוויזארישער טיש, און ער איז געזעסן אויף אן אלטע האלצערנע באנק. עס האט אויסגעזען ווי ער האט זיך ארויסגעצויגן פון זיין הויז אויף צייטווייליג ווילאנג מען רענאווירט זיין היים.

דאן האט ער אויסגעפונען אז דאס איז זיין היים, האט ער געפרעגט דעם חפץ חיים, "וואו זענען אייערע מעבל?"

האט דער חפץ חיים צוריקגעפרעגט, "און וואו זענען אייערע מעבל?"

האט דער מענטש געענטפערט, "איך בין דא בלויז א רייזנדער."

האט דער חפץ חיים געזאגט, "איך אויך." ער האט פארשטאנען אז ער געפינט זיך בלויז אין א דורכגאנג; ער האט נישט געהאט קיין מעבל.

אלזא, איך זאג נישט אז איר דארפט זיך מאכן דירעקט אומבאקוועם אין דעם דורכגאנג. פיל מאל, כדי צו דערגרייכן צו וואס איר דארפט דערגרייכן, דארפט איר האבן א געוויסע מאס פון באקוועמליכקייט כדי אייך צו מוטיגן - איך וועל אפשר רעדן דערפון איין טאג. און דערפאר ווייס איך נישט אויב מיר קענען פארלאנגען פון זיך צו אנהייבן גלייך לעבן אזוי ווי דער חפץ חיים האט געלעבט - עס האט גענומען אסאך שווערע ארבעט און הארעוואניע פאר דעם חפץ חיים צו קונה זיין אזא מהות; אבער מיר דארפן וויסן צו וואס מיר צילן. מיר טארן קיינמאל נישט פארגעסן אז סיי צי מיר לעבן באקוועם אדער נאך באקוועמער, זענען מיר דא פאר א צוועק - דא איז בלויז אווארט-זאל צו ווערן גרייט פאר די קומענדיגע וועלט.

## זיך אנגרייטן אין פארצימער

אצינד הייבן מיר אן צו פארשטיין וואס אונזערע גרויסע העלדן, די חשמונאים, האבן פארשטאנען. זיי האבן פארשטאנען אז די וועלט איז א פרוזדור, א דורכגאנג וואס פירט צו א וויכטיגערע ארט, און אינעם דורכגאנג ווערט מען נישט צעבראכן פון מיטמאכענישן. מענטשן וואס פארגעסן דאס ווערן דערשראקן; זיי וואלטן געווארן אויס מענטש צו טראכטן פון יארן נאך יארן פון מלחמה. דאס איז וואס עס מיינט זיך אנצוהייבן מיט אנטיוכוס; עס מיינט שווערע יארן און יארן.

אנטיוכוס איז אוודאי נישט קיין נצחיות און דער אמת איז אז קורץ נאך וואס די מלחמה האט זיך אנגעהויבן האט ער באקומען וואס עס איז זיך אים געקומען. ער איז געווען א דורכפאל; ער איז געשטארבן ווייט פון זיין היים. יוסיפון דערציילט אז ער האט חרטה געהאט אויף וואס ער האט געטון צו די אידן, דאס איז וואס יוסיפון שרייבט. אבער אפילו אויב ער האט נישט, עס מאכט נישט אויס; ער איז געווען א דורכפאל און איר קענט זיין זיכער אז נאך וואס ער האט

פארלאזט די וועלט מיט יסורים האבן אים אפגעווארט הייסע טעג. נישטא קיין ספק אין דעם אז ער געפינט זיך אין גיהנום און ער איז נאכנישט ארויס פון דארט.

אבער אונזערע עלטערן האבן געוואוסט אז איינער וועט איבערנעמען זיין ארט און דאס איז וואס עס האט פאסירט. עס האבן נישט געפעלט קיין רשעים אין די וועלט און איינמאל מ'הייבט זיך אן מיט די אומות העולם, איז נישט אזוי גרינג עס אפצושטעלן. און דערפאר האבן זיי געוואוסט וואס עס וועט פאסירן.

אבער זיי האבן פארשטאנען אז די וועלט איז א פרוזדור. און זיי האבן פארשטאנען וואס עס שטייט אין פרקי אבות איבער דעם ענין. עס ווערט דארט צוגעליכן א ווארענונג. אזוי ווי די וועלט איז א דורכגאנג, א פארצימער, **הַתְקֵן עַצְמְךָ בִּפְרוֹזְדוֹר** - מאך זיכער זיך צו צוגרייטן אין דעם פארצימער, **כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לַטְּרַקְלִין** - כדי דו זאלסט קענען אריינגיין אינעם זאל. **הַתְקֵן!** אין דעם פארצימער זיצט מען נישט סתם. **הַתְקֵן** - עס קומט פון די ווארט תיקון, דיין תפקיד דא איז זיך צו מאכן גרייט. און צומאל איז דער תיקון אויף די וועלט, ווען א מענטש נעמט זיין קערפער און ניצט עס אין וועגן פון זיך אננעמען פאר'ן כבוד פון באשעפער. דאס איז איין וועג - ס'איז איינע פון די גרעסטע וועגן קונה צו זיין שלימות; זיך צו קריגן פאר'ן כבוד פון באשעפער.

## פריינטליכע וואונדן

דאס איז וואס עס שטייט אין משלי (כז:ו), **נֶאֱמָנִים פִּצְעֵי אוֹהֵב** - די וואונדן פון א פריינט זענען באגלייבט. דאס מיינט, אויב א פריינט פארוואונדעט דיר, קענסטו אים געטרויען.

איך וועל ערקלערן די רייד פון שלמה המלך ווי פאלגענד: ווער איז דער אוהב, דער פריינט, וואס טוט דיר פארוואונדן? מיר וויסן ווער דאס איז - ס'איז דא בלויז איין פריינד אין די וועלט, דאס איז דער באשעפער. בפרט פאר כלל ישראל. ער איז דער **אוֹהֵב אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל**. און ווען דער פריינד שיקט וואונדן דארפן מיר פארשטיין אז זיי זענען **נֶאֱמָנִים**, זיי זענען באגלייבט. דאס מיינט אז זיי זענען א פארדינסט. און דאס איז וואס דער פסוק זאגט, **נֶאֱמָנִים פִּצְעֵי אוֹהֵב** - ווי געטריי, ווי באגלייבט, זענען די וואונדן פון א גוטן פריינד.

דער באשעפער האט געמאכט די גרויסע חשמונאים אינדערמיט פון א תקופה פון לאנג פארצויגענע ליידן; דרייסיג יאר פון אמת'ע צרות, די ערגסטע סארט שוועריקייטן, און זיי האבן דאס פארשטאנען. זיי האבן געוואוסט אז ווען עפעס קומט פון א פריינד, איז ער גענוג באגלייבט, און ס'איז פאר אונזער טובה.

## פארדינען גאלד

אצינד לאמיר זען וואו עס האט פאסירט דערנאך. די סירישע קעניגן האבן זיך אנגעהויבן קריגן צווישן זיך; עס איז געווען א מלחמה צווישן זיי און יעדער פון זיי האט פראבירט אונטערצוקויפן די אידן זיי צו באקומען אויף זייער זייט. און אלס רעזולטאט, זענען ענדליך געגעבן געווארן אלע רעכטן פאר די אידן און זיי זענען געווארן זעלבסטשטענדיג און אצינד האט מען אויפגענומען פון צווישן זיי א קעניג.

מיטאמאל האבן אידן געהאט א קעניג. עס איז נישט געווען קיין קעניג ביי אידן זינט דער לעצטער קעניג צדקיהו איז געגאנגען אין גלות. אזויפיל יארן זענען אריבער און פלוצלינג איז כלל ישראל צוריקגעשטעלט געווארן אין א שטאנד פון א קעניגרייך! אין יענע טעג איז עס געווען א כבוד פאר א פאלק צו האבן א קעניג.

און ווער זענען געווען די קעניגן? די כהנים גדולים זענען געווען קעניגן! און זיי האבן געהאט עשירות. יוחנן הורקנס פלעגט יעדעס יאר מאכן א סעודה אינעם יאר-טאג פון די נצחונות. און ער האט געהאט גאלדענע טישן, טישן פון גאלד; נישט קיין אנגעפילטע גאלד - טישן פון א שטיק גאלד. און יעצט האבן די חשמונאים זיך געבאדן אין זונען-שיין און הצלחה.

## פיינטליכע קושן

און אצינד האבן זיי באקומען דעם צווייטן טייל פונעם פסוק. עס שטייט, "די וואונדן פון א פריינט זענען א טובה," אבער **וְנַעְתָּרוֹת נְשִׁיקוֹת שׂוֹנֵא** - די קושן פון א פיינט זענען איבעריג; זיי גייען דיר נישט ברענגען קיין גוטס. אצינד זענען געקומען די קושן אנשטאט די וואונדן. און דאן האט זיך אלעס געטוישט. איך וויל נישט פארטונקלען די מעשה פון חנוכה מיט'ן דערציילן פון דער אונטערגאנג פון די חשוב'ע משפחה, אבער אין זייער הצלחה זענען זיי חרוב געגאנגען. זיי זענען געווארן צדוקים, זיי זענען מיט די צייט געווארן פיינט פון די חכמי התורה. די תורה פאר וועלכע זייערע עלטערן האבן אויפגעגעבן זייערע לעבנס, זיצנדיג אין גליק זענען זיי געווארן אזוי רואינירט אז זיי זענען געווארן פיינט פון די חכמי התורה.

אודאי, מתתיהו און זיינע זין זענען שוין געווען אין עולם הבא מיט זייערע קרוינען פון כבוד אויף זייערע קעפ; זיי קענען קיינמאל נישט פארלירן וואס זיי האבן קונה געווען אין די תקופה פון זייערע יסורים. אבער זייערע אייניקלעך האבן פארפאטשקעט די דאזיגע קרוינען; זיי האבן עס אויפגעטוישט אויף קרוינען פון גאלד, פאקטישע קרוינען פון קעניגן. דאס איז וואס עס פאסירט אין גוטע צייטן. עשירות, גוטע צייטן, איז א שווערערע נסיון. דרך אגב, דאס איז פארוואס רייכע אידן - דאס מיינט אידן אין אמעריקע; אידן וואס האבן בשפע צו עסן - דארפן נעמען אויף זיך די געוואלדיגע אויפגאבע צו ווייזן זייער דאנק צום באשעפער נאכאנאנד און שטענדיג. זיי דארפן זיך אנהאלטן אין די אמונה אז אלעס קומט פון באשעפער און זייער מויל דארף שטענדיג זיין פול מיט **בְּרָכוֹת וְהוֹדָאוֹת מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם**. אויב טוט איר אזוי דאן אפשר, אפשר, וועט איר מצליח זיין אין די גוטע צייטן. ס'איז נישט גרינג צו קונה זיין קרוינען פון כבוד ווען אלעס גייט גוט.

און דערפאר, ווען איז געווען אז די חשמונאים האבן עררייכט אמת'ע קרוינען; די קרוינען וואס פארנעמען אן ארט אין די קומענדיגע וועלט? דאס איז געווען דורכאויס די יארן פון **פִּצְעֵי אוֹהֵב**, דאס איז ווען זיי האבן קונה געווען גרויסקייט. און זיי זענען געווען פעאיג דאס צו באווייזן ווייל זיי האבן אלעמאל געדענקט אז די וועלט איז נאר א פרוזדור, א דורכגאנג, צו די טרקלין, דער גרויסער פאלאץ אין עולם הבא.

# חלק ג. טאג טעגליכע ליידן

## די מוטשעניש פון לערנען תורה

אלזא גייען מיר אצינד צוריק צום מסילת ישרים און מיר פארשטייען אז די ווערטער "דו זאלסט לייגן דיין בליק, דיין קאנצענטרירונג, צו דער ענין פון עולם הבא, אלע טעג פון דיין לעבן" זענען דער שליסל צו הצלחה. דער וועג צו עולם הבא איז נאר דורכ'ן עולם הזה. מ'קען נישט איבערהיפן דעם שטאפל פון דורכגיין די וועלט - און די וועלט ענטהאלט צומאל שווערע טעג.

אלזא, אויב זאכן גייען גלאט און דו האסט נישט קיין קעגנערס, פארשטייט זיך אז דו דארפסט טון עפעס; דו דארפסט זיצן און לערנען. דו דארפסט אויסניצן די געלעגנהייט צו קונה זיין שלימות. און אפילו דאן, איז עס פיל מאל א פארמעסטונג. אויב דו לערנסט תורה, דו ווידמעסט דיין לעבן צו קענען ש"ס; דאס איז נישט קיין לייכטע זאך - ס'איז א פארמעסטונג. דו מיינסט אז ס'איז גרינג צו אויסשטייגן גרויס אין תורה?!

און פאר געוויסע איז עס ספעציעל שווער; אויב קומסטו פון אינדרויסן זענען דא הארצרייסנדע שוועריקייטן וואס שטייען אין וועג צו ווערן א בן תורה. מען דארף זיך מוטשענען מיט די לשונות און מושגים פון די גמרא. לאמיר זאגן א בחור קומט פון א קליין שטעטל אין נעברעסקע; ער האט קיינמאל גארנישט געלערנט און ער גייט אוועק פונדערהיים צו גיין אין ישיבה לערנען; ער האט אויך נישט קיין צו קלוגע קאפ. אפשר האט ער א שטאטע קאפ און די גמרא איז אים זייער שווער.

אין צוגאב האט ער שווערקייטן מיט די סביבה. ער האט אסאך מענטשן, ארייגערעכנט זיינע פעטערס און מומעס, וואס טאנצן אויף זיין קאפ און דערנידערן אים. צומאל זענען עס זיינע אייגענע ברידער און שוועסטערס וואס אנטמוטיגן אים.

## פארקויפט נישט דעם פאטש

אפילו זיין מאמע. א בחור האט מיר דערציילט אז זיין מאמע האט אים געשלאגן פאר'ן אויפזיין שפעט ביינאכט צו לערנען גמרא. זי האט נישט ליב געהאט אז ער איז אויף שפעט לערנענדיג גמרא. ער האט נישט געמאכט קיין גערודער, ער האט נישט געהאלטן וואך זיינע ברידער און שוועסטערס. אבער זיין מאמע איז געווען אן אומרעליגיעזע פרוי און זי איז נישט געווען צופרידן אז ער געבט זיך אוועק פאר תורה. זי האט געוואלט ער זאל אויסוואקסן א דאקטער אדער כאטש אן אדוואקאט. און יעצט לערנט ער גמרא שפעט ביינאכט. האט זי זיך פארלוירן און אים געשלאגן.

האב איך געפרעגט דעם בחור, "דו ווילסט מיר פארקויפן דעם פאטש?"

ער האט עס איבערגעטראכט און געזאגט, ניין, ער וויל עס האלטן. דאס איז א קלוגער יונגער מענטש. דער פאטש איז ווערד אן ענדלאזער סכום געלט.

אצינד שטעלט אייך פאר אז פיל יאר זענען פארביי, דורכאויס אלע שווערקייטן, דאך, טראץ אלעס האט ער פארגעזעצט צו פאראויס גיין מיט ידיעת התורה און אין אמונה און עבודת ה'. און יעצט לאמיר זאגן איז ער ענדליך מצליח צו זיין א "פאר-זיך'ניק", ער קען אליין אפלערנען א שטיקל גמרא. ער פירט שוין חבורות אין ישיבה; ער איז פון די בעסערע אין ישיבה; ער טראכט אז ער ליידט שוין נישט אזוי ווי אין די 'שלעכטע אלטע טעג.'

## די גוטע שלעכטע-אלטע-טעג

טראכט נישט אזוי! דאס זענען די גוטע אלטע טעג! דאס איז די בעסטע צייט פון דיין לעבן. דאס איז דער הויכפונקט, דער שפיץ פון דיין הצלחה. דיין שטול אויף די קומענדיגע וועלט ווערט געבויעט אויף צער, אויף מסירות נפש און שווערקייטן. דו וועסט זיצן אויף א גאלדענע שטול ווייל דו האסט געדארפט קייען ערד מיט דיינע ציין כדי צו דערגרייכן אפילו א קליין ביסל הצלחה אין עבודת ה'.

איז ווען דו קוקסט צוריק און דו זעסט, "עס איז געווען א צייט ווען עס איז געווען אזוי שווער צו זיין פרום. איך האב זיך געפונען אין א שלעכטע סביבה, און דאך האב איך זיך צוריקגעשלאגן; איך האב זיך אפגעשאקלט פון די קעגנערישע השפעות און יעצט בין איך ב"ה ארויסגעקומען פון די וועלדער און איך היט אלעס. איז קוקסטו צוריק און דו ביסט דאנקבאר פאר די אלע שווערקייטן וואס דו האסט דאן געהאט אויסצושטיין. ס'איז געווען א ברכה מן השמים וואס האט געמאכט פון דיר א מענטש. עס האט דיר געגעבן אזויפיל זכותים.

און אזוי לערנען מיר דערפון אז ווען מיר זענען יונג, לאמיר זאגן, קוים חתונה געהאט; א יונגער פארפאלק מוטשעט זיך, זיך אוועקצושטעלן אלס א פרומע פאמיליע, צו בויען אן ערליכע תורה'דיגע שטוב. און זיי שטויסן זיך פיל מאל אן אין קעגנערשאפט פון זייערע קרובים - זיי זענען צו פאנאטיש, צו פרום, פאר זייערע קרובים'ס געשמאק.

און זיי האבן אויך נישט צופיל געלט. און אזוי קוקן זיי פאראויס צו די גוטע טעג ווען זיי וועלן שוין ענדליך זיין אוועקגעשטעלט און האבן א גרויסע באנק קאנטע און הייזער. אה ניין! דארפסט וויסן אז די גוטע צייטן זענען דוקא יעצט ווען דו מוטשעסט זיך פאר'ן באשעפער.

דו זיצסט אין כולל און לערנסט אדער דו שלאגסט זיך פאר השקפה, דאס איז די צייט ווען דו מאכסט די גרעסטע פארשריט אין לעבן.

## העקטיק צייטן

און אזוי אויך ווען זאכן זענען העקטיק און שווער - אט איז א יונגע פרוי וואס האט איין קינד נאכ'ן צווייטן און זי טראכט, 'יעצט איז מיר נישט אזוי געשמאק. איך ווארט אז די קינדער זאלן אויפוואקסן, איך זאל האבן גרויסע חתונה געהאטע קינדער און איך וועל האבן נחת פון מיינע אייניקלעך. יעצט איז מיר צו העקטיק! יעדן טאג, א גאנצן טאג, בין איך פארנומען!'

זאל זי וויסן אז דאס איז דער פרייליכסטער טייל פון איר לעבן, דוקא יעצט! ווען זי איז א גאנצן טאג מיד און אויסגעמוטשעט, נערוועז און צערודערט. די קינד איז פארקילט, יענע קינד איז אראפגעפאלן און זיך צעשניטן זיין פינגער און ער דארף ארויסלויפן צו כאפן דעם באס צום חדר. א גאנצן טאג זענען דא אויפרעגענישן. דאס איז די קרעם, דאס איז דער הויכפונקט פון שלימות פון איר לעבן. און שפעטער ווען עס ווערט גרינגער, דערלייגט זי די אלע געלעגנהייטן וואס זי האט געהאט אין די העקטיק טעג.

אלזא, האבן מיר געלערנט אז בשעת מיר האבן א תקופה פון שווערקייטן, סיי ווען מענטשן ליידן פאר רוחניות, זאל מען עס באטראכטן אלס די בעסטע צייט אין לעבן. דיינע זכותים ווערן פארפילפאכיגט דורך די צאל פון דיינע קעגנערס. און ווי מער דו ווערסט אפגעשפעט, ווי מער מען טוט זיך קעגנשטעלן צו דיר, אלץ גרעסער איז דיין שכר.

## הרב מיללער'ס ישיבה

איך קוק צוריק. מיר האבן געגרונדעט א ישיבה אין טשעלסיע אין די צייט פון מיין ערשטע רבנות. וואספארא צרות האבן מיר געהאט! וואספארא קעגנערשאפט האבן מיר געהאט! ס'איז געווען א וואך וואס איך בין נישט געשלאפן. א גאנצע וואך האב איך נישט געקענט שלאפן צוליב די קעגנערשאפט. זיי האבן געוואלט אוועקנעמען אונזערע געלטער וואס מיר האבן צוזאמגעזאמלט צו קויפן א בנין.

אינעם טאג וואס מיר האבן אויפגעקויפט דעם בנין פאר די ישיבה, האב איך זיך געדארפט אויסבאהאלטן. איך האב מורא געהאט אז זיי וועלן מיר פארטרייבן - זיי וועלן קומען צו מיר און זאגן, "ראביי! איר דארפט ארויסטרעטן. דער ציבור איז קעגן אייך."

האב איך זיך אויסבאהאלטן א גאנצן טאג אין א חבר'ס הויז. און איך האב געווארט פאר דעם טעלעפאן רוף וואס וועט מיר מעלדן אז די דאקומענטן זענען ענדליך אריבער. נאר דאן האב איך געקענט ארויסקומען. עס איז שוין געווען צו שפעט פאר אונזערע קעגנערס! די דאקומענטן זענען שוין געווען באשטעטיגט!

אין די צייט ווען איך בין געווען יונג האב איך נישט געקענט שעצן וואספארא גרויסע מתנה דאס איז. אבער צוריקקוקנדיג, ברוך ה'! חסדי ה'. אודאי זענען מיר אנגעגאנגען ווייטער און מיר האבן געוואונען. אבער ס'איז נישט בלויז דער געווינען וואס האט פארנומען אן ארט. ס'איז געווען דער געראנגל וואס האט פארנומען אן ארט! יעדער קעגנער, יעדער וואס האט אונז באשמוצט, יעדער וואס האט פראבירט צו שטעלן שטרויכלונגען אין אונזער וועג איז געווען א מתנה! (רעד. באמערקונג: פאר מער פרטים זעט אין דאס (ענגלישע) בוך "הרב אביגדור מיללער: זיין לעבן און זיין רעוואלוציע" קאפיטל 7 "א רב אין טשעלסע").

## ניסים אינדערמיט פון רדיפות

און אזוי קומען מיר צוריק צו די תקופה פון די חשמונאים אין וועלכע מיר האבן זיי ערשט אנגעטראפן, די תקופה פון ראנגלעניש, די תקופה ווען זייער בלוט איז פארגאסן געווארן. זייערע קרובים זענען אויסגעה'רג'ט געווארן; טויזנטער און טויזנטער זענען גע'רודפ'ט געווארן צום טויט פאר היטן די מצוות. און איבער'ן גאנצן לאנד איז דאס געווען ארויפגעגאנגען צום באשעפער, א געוויין פון רדיפות, שרעקליכע רדיפות.

און אינדערמיט פון אלעם, האבן מתתיהו, זיינע זין און פיל אנדערע ערליכע אידן מלחמה געהאלטן מיט די שווערד צו קענען היטן די תורה. זיי האבן געקענט אנטלויפן; זיי האבן געקענט אנטלויפן קיין בבל און לעבן באשיצט.

אבער ניין, זיי האבן זיך געשלאגן און זיי האבן געליטן פאר תורה.

די חשמונאים האבן אויסגעהאלטן די **פִּצְעֵי אוֹהֵב**; עס זענען געווען וואונדן בשפע פאר א לאנגע צייט. אבער דער רעזולטאט פון די אלע וואונדן איז געווען א גענצליכער נייער שטאפל פון שלימות פאר אונזער פאלק. יעדער איינער פון זיי איז געווארן נקדש און דאס כלל ישראל איז, אלס רעזולטאט, געווארן אזוי דערהויבן אז עס האט דאן פאסירט עפעס וואס איז געווען אזוי אומגעוועהנליך, אז עס ווערט באטראכט ווי איינע פון די געוואלדיגע ניסים אין אונזער געשיכטע - פאר אכט טעג איז די מנורה געבליבן אנגעצונדן בדרך נס.

## אן אומערווארטעטער נס

אלזא, דאס איז אייגנטליך געווען די מערקווירדיגסטע זאך. מיר זענען צוגעוואוינט צו דער פאסירונג פון א נס חנוכה ווייל מיר באטראכטן עס בלויז אלס א פארזעצונג צו די אלטע ניסים פון די טעג פון בית ראשון. אבער איר דארפט אנערקענען אז עס איז געווען א גרויסער צווישנשייד צווישן די אלטע ניסים און דער נס חנוכה.

איר דארפט געדענקען, אזעלכע סארט ניסים האבן מער נישט פאסירט! די שכינה האט נאר גערוט אין בית ראשון. די גמרא זאגט אז ביים בית שני, טראץ וואס עזרא און די אנשי כנסת הגדולה מיט גרויסע נביאים האבן נאך געלעבט ביים אנהייב פון בית שני, דאך, האבן מער נישט פאסירט אזעלכע סארט אפענע ניסים וואס האבן זיך געקענט פארגלייכן צו די ניסים ביים בית ראשון. אודאי, עס האבן פאסירט ניסים א גאנצע צייט, **עַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ**, אבער אפענע ניסים וואס ווייזן אויף השראת השכינה האבן זיך אפגעשטעלט ביים סוף פון בית ראשון. און דאס פאלק האט פארלוירן די האפענונג אז עס זאלן זיך נאך אנטפלעקן אזעלכע סארט ניסים. די טעג פון אזעלכע אפענע ניסים זענען שוין געווען פארגאנגען.

און דאן האט עס פלוצלינג נאכאמאל פאסירט. פלוצלינג, אינדערמיט פון די טונקלקייט, האט א ליכטיגקייט אויפגעשיינט, און דאס איז געווען דער נס חנוכה. ס'איז געווען גענצליך אומערווארטעט! און מיר קענען זיך פארשטעלן אז יעדער איז געווארן אויפגעהייטערט ווען עס האט פאסירט. דאס מיינט, אין א געוויסן זין, א באנייאונג פון די אלטע צייטן. ווי דוד המלך האט געזאגט (תהלים נא:יד), **הָשִׁיבָה לִּי שְׂשׂוֹן יִשְׁעֶךָ** - קער מיר צוריק די שמחה פון דיין ישועה. דאס איז א גרויסע שמחה ווען ישועת ה' ווערט אפן אנטפלעקט. און דא, פאר א ווײַלע, פאר אכט טעג, האט זיך עס צוריקגעקערט.

## דער גורם צום נס

אלזא, אויב איז עס געווען די איינע צייט וואס א ליכטיגקייט פון ניסים האט אויפגעשיינט אינדערמיט פון א טונקלקייט, נאך וואס די שכינה האט זיך שוין אפגעטון, קענען מיר פארשטיין פארוואס עס איז אזא גרויסע זאך פאר אונז צו פייערן דעם נס חנוכה. און ס'איז נאך א גרעסערע זאך צו געדענקען וואס עס איז געווען דאס וואס האט גורם געווען אט די ליכטיגקייט צוריקצוקומען.

עס איז געווען ווייל די גרויסע לייט האבן אויסגעוועלט א וועג פון מקבל זיין יסורים וואס זיי האבן באקומען דורך דינען דעם באשעפער. דאס איז פארוואס זיי זענען געווארן אזוי אויסגעלייטערט; ווייל זיי האבן גוטוויליג, פון זייער אייגענער כח הרצון, אויסגעוועלט דעם גאנג - פיל יארן פון זיין אין נאכאנאנדע געפאר פאר זייער לעבן צו ערפילן דעם רצון פון באשעפער. און אזוי פארשטייען מיר אז דורכדעם זענען זיי געווארן אזוי גרויס, אז דער וואונדערליכער פאסירונג פון דעם נס שמן איז געשען.

און דאס איז פארוואס עס האט פאסירט נישט נאך וואס זיי האבן געוואונען די שלאכטן און נאך וואס די קעניגן האבן אונטערגעשריבן אפמאכן פון שלום מיט זיי און נאך וואס זיי האבן עררייכט עשירות. ניין; דאן האט קיין שום נס חנוכה נישט געקענט פאסירן. עס איז געווען בשעת זיי האבן געליטן וואס דער נס האט זיך אפגעשפילט. עס איז געווען אינדערמיט פון פארגיסן זייער בלוט, אינדערמיט פון זייער שלאפלאזיגקייט, אינדערמיט פון זייער נאכאנאנדער פחד פאר'ן טויט, דאס איז ווען דער נס שמן האט פאסירט, ווייל דאס איז וואס האט זיי געגעבן דעם זכות צום נס.

## די סימבאלישקייט פון חנוכה

און אזוי קענען מיר אצינד פארענדיגן מיט א בעסערן פארשטאנד אין די סימבאלישקייט, דער סוד פון די שמן זית וואס איז געבליבן אנגעצונדן. די אויל פון די מנורה איז געווען **שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר** - ס'איז געווען ריינע איילבירטן אויל וואס איז געמאכט געווארן פון צעקלאפטע איילבירטן, צעמאלענע איילבירטן. און יעדער ווייסט וואס די חכמים זאגן אויף דעם, אז איילבירטן זענען א סימבאל אויף כלל ישראל; אז ווען זיי ווערן צעקלאפט און זיי ווערן צעמאלן, דאן געבן זיי ארויס לויטערע איילבירטן אויל פאר באלייכטונג. ווייל די איילבירטן זענען געווארן צעקלאפט און צעמאלן, האבן זיי ארויסגעגעבן די לויטערע אויל פון קדושה וואס האט זיי אזוי שטארק דערהויבן.

דאס איז בפשטות; די גוטוויליגע מיטגיין מיט די שוועריקייטן און יסורים, דאס איז וואס האט פראדוצירט די שמן זית וואס האט געברענגט דעם נס פון חנוכה. דער נר ה' איז אנגעצונדן געווארן פון די שמן פון זייער געהויבנקייט און דאס איז דער סימבאלישקייט פון די גאנצע מעשה פון חנוכה.

**שאלות ותשובות - מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

## שאלה:

**וואס איז א פראקטישער מוסר השכל וואס מיר קענען ארויסלערנען פון חנוכה?**

## תשובה:

איך וועל אייך זאגן איין וויכטיגער מוסר השכל. מיר זאגן צום באשעפער איבער אונזערע אור-עלטערן וואס האבן מלחמה געהאלטן קעגן די יוונים: רבת את ריבם, דנת את דינם - "דו, באשעפער, האסט געקריגט זייער קריג, דו האסט גע'משפט זייער משפט." אלזא, עס ערוועקט זיך דא א שאלה. ווייל עס איז נישט געווען זייער קריג. עס איז נישט געווען דער קריג פון דאס אידישע פאלק. ס'איז געווען דיין קריג, באשעפער. ווייל נאך אלעם, די גריכן זענען נישט געווען אינטערעסירט אין הרג'נען די אידן. זיי האבן געוואלט אז די אידן זאלן אויפהערן היטן די תורה, דאס אלעס. אויב דאס אידישע פאלק וואלט איינגעשטימט זיך צו פירן ווי די גריכן, וואלט מען זיי נישט געטשעפעט. איז פארוואס האבן זיך די אידן געקריגט? זיי האבן זיך נישט געקריגט פאר זייער זיכערהייט; זיי האבן זיך געקריגט פאר'ן באשעפער'ס ווארט. עס איז געווען פאר כבוד שמים, פאר'ן כבוד פון באשעפער, איבער וואס זיי האבן מלחמה געהאלטן. אלזא, איז עס נישט געווען רבת את רבם, עס איז געווען רבת את רבך — באשעפער, דו האסט געקריגט דיין אייגענע קריג!

אבער ניין, מיר זאגן נישט אזוי. מיר זאגן רבת את ריבם - דו, באשעפער, האסט געקריגט זייער קריג! ווייל אונזערע עלטערן האבן מקיים געווען וואס מיר זאגן, עשה רצונו כרצונך - מאך דעם ווילן פון באשעפער אלס דיין ווילן (אבות ב:ד). וואס דער באשעפער האט געוואלט, דאס איז וואס זיי האבן געוואלט! זיי האבן זיך נישט געקריגט בלויז אויף וואס דער באשעפער האט געוואלט. וואס דער באשעפער האט געוואלט איז געווארן זייער אייגענער רצון.

דאס איז א געוואלדיגע דערגרייכונג - צו שפירן אז מיר היטן די תורה ווייל דער ווילן פון באשעפער איז אונזער ווילן. נישט נאר וואס מיר טוען דעם באשעפער'ס ווילן, נאר עס איז אונזער ווילן! כי הם חיינו - די תורה איז אונזער לעבן. ס'איז מער ווי אונזער לעבן. און מיר ווילן אויפגעבן אונזער לעבן פאר די תורה ווייל ס'איז אונזער קריג, ס'איז אונזער רצון. דאס איז איינע פון די לערעס פון חנוכה - אצינד ווער פארנומען צו מאכן זיין ווילן אלס דיין ווילן.